ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א


בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך


גליון
תי"ט
פרשת פקודי
שנת תשע"ו לפ"ק


ג' תרכג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ג ר' אלימלך שלמה שווארץ שליט"א שו"ב

### בלעטער גמרא תוס' ביום הפורים

עס איז געווען איינמאל פורים נאכמיטאג איך קום אריין אין ביהמ"ד און איך זעה ווי הגאון רבי מרדכי דוד קאהן זצ"ל ר"מ בישיבה"ק זיצט מיט א גרויסע בבא קמא גמרא, אויפגעמישט פרק 'הגוזל עצים', דערויף א שיטה מקובצת, און ווי אלעמאל איז ער טיף פארזינקען אין לערנען מיט זיין געוועגליכע עמקות. זאג איך אים "רבי מרדכי דוד, ס'איז דאך פורים היינט, לאמיר טרינקען א גלעזל וויין".

זאגט ער מיר "נא, פארנאכטס וועל איך זיך וואשן צו די סעודה און דעמאלטס טרינקען"... און ער זאגט מיר ווייטער מיט מיט התרגשות "אין די גאנצע וועלט יעצט איז כמעט נישטא ווער עס לערנט, יעדער איז פארנומען מיט משלוח מנות, מתנות לאביונים, מ'איז מקיים מצות היום, ביים אייבערשטן איז זייער חשוב יעצט אז א איד לערנט גמרא תוס' מיט ראשונים", אזוי האט ער ווייטער געהארעוועט עטליכע שעה אין גמרא תוס'.

(מרדכי יאזשעף)

ג' תרכד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק

### דער קלארער רב...

ווען דער רבי מרן הדברי יואל זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל בשנת תרצ"ב לפ"ק איז ער געווען אין טברי', און ער האט זיך דארט נאנט געמאכט מיטן רב אין טברי' הגאון רבי משה קליערס זצ"ל, וועלכער האט גערעדט מיטן רבי'ן אין לערנען, און אין ענינים העומדים על הפרק, און דער רבי איז זייער נתפעל געווארן פון זיין ערליכקייט און גדלות בתורה.

כמים פנים לפנים איז ידוע דאס התרגשות און השתוקקות וואס דער טברי'ער רב האט געהאט נאך דעם באזוך פונעם רבי'ן, אזוי ווייט אז ער האט זיך אויסגעדרוקט "כ'וואלט אוועק געגעבן כל הון דעלמא כ'זאל נאך איינמאל האבן די זכי' צו זעהן דעם קראלער רב".

ביי א געלעגענהייט האט ער געזאגט "איך רוף אים דער 'קלאָרער' רב, ווייל יעדעס ענין איז ביי אים קלאר מיט א מורא'דיגע בהירות. (יחיאל שלמה הכהן פריעדמאן, יחיאל שלמה הכהן גלאנץ, יחיאל שלמה טעללער)

ג' תרכה) עס דערציילט אונזער רבי

## הרה"ח ר' עקיבא צבי גאנץ שליט"א

### די פרוי פון טינוס וויל אויך געהאלפן ווערן

אין ירושלים האט געוואוינט א איד פון די אנשי מעלה פון די נקיי הדעת מיטן נאמען רבי דוד ז"ל (שכחתי שם המשפחה שלו) האב איך פון אים געהערט די מעשה.

עס איז געווען א רייכע פרוי פון טינוס מאראקא וואס איז געקומען צו פארן פון טינוס ביז קיין מירון צום ציון פון רבי שמעון בן יוחאי.

עס איז דא א מקום נעבן די טיר פון עזרת נשים, וואס עס איז מקובל אז דאס איז פונקט קעגן דעם ציון הק'. די פרוי פון טינוס שטייט אוןווארט אז א צווייטע אידענע זאל זיך אוועק רוקן אז זי זאל קענען צוגיין צו דעם פלאץ, זעהנדיג אז עס נעמט זייער לאנג פרעגט זי 'וואס נעמט אזוי לאנג?' האט מען איר דערציילט אז די פרוי וואס שטייט דארט איז א צובראכענע אלמנה פון ירושלים זי דארף חתונה מאכן די קינדער, און זי בעט זיך אויס ביי רבי שמעון.

פרעגט די פרוי פון טוניס "וואס קאסט אייך חתונה מאכן א קינד?" זאגט מען איר "25 גאלדענע נאפאליאן", זאגט די פרוי "איך גיב אייך די 25 נאפאליאן און לאזט מיך צו צום ציון". די פרוי פון טינוס האט נישט געקענט נאר אראביש, און מ'האט געדארפט איבערזאגן פאר יענע פרוי די ווערטער וואס זי זאגט. און זי האט איר אפגעצאלט די 25 נאפאליאן און זי האט איר צוגעלאזט צום ציון.

האט זיך די פרוי פון טוניס געשטעלט ביים ציון און זי האט געזאגט אויף אראביש "רבי שמעון, דו זעהסט, די פרוי פון ירושלים איז שוין געהאלפן געווארן דורך דיר, זי האט געוואלט חתונה מאכן איר קינד און זי האט שוין דא געמאכט דאס געלט, איך וויל אויך געהאלפן ווערן דורך דיר, איך האב א שווערן משפט פון הונדערטער נאפאליאן, איך דארף געהאלפן ווערן, אויב איך וועל געהאלפן ווערן אין מיין משפט וועל איך קומען איבער א יאר דא מאכן א גרויסע סעודה".

האט רבי דוד געזאגט "די פרוי האט טאקע געהאט א גרויסע ישועה, און מידי שנה בשנה איז זי געקומען ל"ג בעומר קיין מירון און דארט געמאכט א גרויסע סעודה לזכותו פונעם תנא האלקי, און איך בין געווען ביי די סעודה"...

זאל דער זכות התנא האלקי ביישטיין פאר דעם גאנצן ציבור וואס פארט קיין מירון מיטן רבי'ן זאל זיין געזונט צו פועל'ן רפואות ישועות ונחמות. (מפי התלמידים)

ג' תרכו) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יוסף ווייס הי"ו

### מ'דארף עסן צו זיין געזונט...

איך וויל איבערגעבן א אינטערעסאנטע מעשה וואס איך האב פערזענליך מיטגעלעבט מיט כ"ק מרן רביה"ק הדברי יואל זי"ע.

בערך בשנת תשכ"ז-ח' איז געקומען א איד פון אר"י נאך געלט. ער האט געשטאמט פון דעעש פונדערהיים, און שפעטער האט ער געוואוינט אין קרית צאנז (קלויזנבורג נתני'.

אין יענע יארן פלעגן משולחים נאך אסאך ארומפארן נאך געלט אין די קלענערע שטעטלעך (פראווינצן) אויסער ניו יארק. דער איד איז געפארן מיט די באן און ער איז פארשלאפן ווען די באן איז דורכגעפארן די שטעטל וואו ער האט געדארפט אנקומען, און ער איז נישט אראפגעגאנגען ביים באשטימטן פלאץ. ער איז געווען אזוי פארוויטאגט אז עס האט אים צוגעטרעטן צו די נערוון ל"ע, ביז ער איז אנגעקומען קיין ניו יארק איז ער שוין געווען ל"ע אינגאנצן צוגרונד, ער האט נישט געוואלט עסן, נישט געקענט שלאפן, נישט דאווענען, נאר א גאנצן טאג האט ער זיך געבראכן דעם קאפ און געוויינט "וואס האב איך געטאן?"...

זיינע באקאנטע פון דעעש האבן פראבירט אים צו העלפן, מ'האט אים געזאגט אז מ'טראגט אים צוריק צו יענעם שטעטל. אויך כ"ק הרה"צ רבי אלימלך פאנעט זצ"ל דער דעעשער רבי האט פראבירט צו טוהן וואס מ'קען אים צו העלפן, אבער דער איד איז נעבעך שוין געווען חרוב. ער איז געבליבן אין סאטמארער ביהמ"ד און ער איז דארט געלעגן אויף די באנק אין 'בית שני', די קינדער זענען ארום געשטאנען און צוגעקוקט, מ'האט זיי אלעמאל געמוזט פארטרייבן, נעבעך, עס איז געווען א רחמנות.

איין טאג ווען רביה"ק זי"ע איז געגאנגען אין מקוה, איז מיטגעגאנגען א איד אויך א דעעשער אפשטאמיגער, וואס ביי זיי איז יענער איד איינגעשטאנען אין וומסב"ג, און ער האט דערציילט פארן רבי'ן די גאנצע פרשה מיט דעם איד.

ווען דער רבי פלעגט ארויסקומען פון מקוה פלעגן בחורים דארט שטיין און האלטן דאס טעפל מיט א האנטוך אז דער רבי זאל זיך וואשן די הענט. יענעם טאג בין איך דארט געשטאנען, דער רבי קוקט מיך אן זייער שארף - אלעמאל פארן דאווענען איז דער רבי געווען זייער שארף - און זאגט מיר: "קום אהער, דא אויבן אין בית שני איז דא א רויטער איד, (ער האט געהאט א רויטע בארד) ער עסט נישט, אז מ'עסט נישט האט מען נישט קיין כח, מ'דארף זען ער זאל עסן, אז ער וועט עסן וועט מען אים קענען היילן".

דער רבי האט ווייטער געזאגט "אין די אנדערע גאס (לי עוו.) איז דא א רעסטוראנט (פון מו"ה יוסף פ"מ ע"ה, דאס איז געווען אויף לי עוו. צווישן ווילסאן און ראבלינג, שפעטער איז דארט געווארן די פרוכט געשעפט פון ר' חיים שמעון וויינבערגער ע"ה) גיי נעם אים אהין און זע ער זאל עסן, אז ער וועט עסן וועט שוין גאר אנדערש זיין, וועט מען אים קענען היילן", און דער רבי פרעגט מיך "נו גייסטו?" האב איך געזאגט "אז מ'הייסט גיי איך".

איך בין ארויפגעגאנגען אין בית שני וואו ער איז געלעגן און געשלאפן אויף די באנק, האלב אויסגעטאן די תפלין, איך וועק אים אויף, און זאג אים "גיי מיר", זאגט ער "וואס ווילסט פון מיר? אוי ווי, וואס האב איך געטאן?", זאג איך אים "דער רבי האט געהייסן" - כ'האב איהם נישט געזאגט אז מ'גייט עסן - און מען קומט באלד צוריק, "נו גוט, איך גיי".

מיר האבן אנגעהויבן צו גיין, און יעדע פאר מינוט פרעגט ער נאכאמאל "וואו גייט מען?"

און איך זאג אים אז ״דער רבי האט געהייסן...״.

ענדליך זענען מיר אנגעקומען צום רעסטאראנט, עס איז מיר נישט לייכט געווען, אלס בחור בין איך קיינמאל נישט געווען אויף די גאס פון א רעסטוראנט... אבער אז דער רבי האט געהייסן איז דאך נישט שייך. איך באשטעל א פרישטאג, צוויי ברויט, אייער שפייז, קאווע, כ׳האב אים אראפגעזעצט אין יענעם עק פון געשעפט מיט מיין רוקן צום עולם, פאר בושה אז א בחור איז אין א רעסטוראנט...

ס׳איז פונקט געווען מיטאג צייט, און ס׳איז געווען א געפאקטער געשעפט, און איך גיב אים צו עסן, כמעט ביי יעדן ביסן זאגט ער ווייטער ״וואס דארף איך דאס, וואס האב איך געטאן...״, און איך זאג אים ״דער רבי האט געהייסן״, און ווען ער ווערט ענדיגן גייען מיר שוין צוריק אין ביהמ״ד.

ווען ער האט געענדיגט, זענען מיר צוריק געגאנגען אין ביהמ״ד, און דער רבי זי״ע האט שוין דעמאלט געהאלטן ביי ״אשרי ובא לציון״, בין איך צוגעגאנגען זאגן אז כ׳האב אויסגעפירט די שליחות, און איך זאג ״דער איד האט געגעסן״. האט רביה״ק געענטפערט אויף לשה״ק ״שמעתי, שמעתי״, כ׳האב שוין געהערט, ווייל דער רבי האט גזאגט פארן דעם וואס האט אים דערציילט איבער דעם מענטש אז ער זאל שיקן זיין ווייב קוקן אויב איך טו וואס ער האט געהייסן... און ער האט שוין צוריק געהערט אז עשיתי שליחותו.

שפעטער, ביים אויסטאן די תפלין, פלעגן בחורים צו גיין האלטן דאס בית׳ל אויף צוזאמצולייגן די תפלין, האב איך געהאלטן א בית׳ל, האט דער רבי גזאגט בזה״ל ״אז מ׳עסט נישט האט מען נישט קיין כח, אז ער האט געגעסן קען מען עפעס טאן אים צו היילן״.

שפעטער, ווען ער איז געקומען צו די כוחות, האט מען אים צוריק געטראגן קיין א״י און אים אויסגעהיילט.

דער איד איז א צייט שפעטער צוריק געקומען און חתונה געמאכט אין אמעריקא עטליכע קינדער און אויפגעשטעלט זייער שיינע משפחות בקרב קהלתינו הק׳ לשם ולתפארת ב״ה, בזכותו של אותו זקן.

די מעשה האט אויף מיר געלאזט א רושם, סיי ווי אזוי דער רבי האט זיך מעמק געווען צו העלפן דעם צובראכענעם איד, און בעומק בינתו פארשטאנען אז דער שליסל צו זיין ישועה וועט זיין דורך עסן און קומען צו די כוחות זי״ע. (יואל בערגער, יעקב משה רובינשטיין, ארי׳ קאהן, מרדכי אהרן ווייס).

---

ג׳ תרכז) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה״ח ר׳ גדלי׳ אפפעל ע״ה

### כל המעביר על מידותיו

ער איז געווען דער גבאי נאמן אין ביהמ״ד עצי חיים סיגעט אין וויליאמסבורג, און לאנגע יארן איז ער געשטאנען בנאמנות לימין קדשו פון מרן רביה״ק **בעל ברך משה** זי״ע. ער איז געשטאנען על המשמר אינעם ביהמ״ד וואס איז אין יענע יארן געווען פון די שענסטע בתי מדרשים אין וויליאמסבורג, א מקום פון תלמידי חכמים חשובים וואס פלעגן דארט לערנען, מנינים קבועים לתפילה רוב שעות א טאג, און דער זיידע מיט זיין ישרות, ערליכקייט, און בינה יתירה, האט אסאך צוגעגעבן צו די הצלחה פון ביהמ״ד.

עס איז געווען אמאל ווען איינער פון די מתפללים אין ביהמ״ד איז צוגעקומען צו אים און זיך אויסגערעדט מיט גרויס ווייטאג אויף זיין לענדלארד וואס גיט אים נישט קיין סטים אינעם פראסטיגן ווינטער ווען די משפחה ציטערט אוועק פאר קעלט. און קומענדיג אין ביהמ״ד צו מנחה מעריב און זעהנדיג דעם לענדלארד זיצן און פארלערנען א שיעור ברבים מיט רוהיגקייט האט אים אויפגעקאכט זיין כעס, און ער האט געוואלט אויסקלאפן און ביהמ״ד און אויסרופן אז דער איד וואס לערנט פאר אזוי רוהיג איז א אכזר, ער לאזט א משפחה אפפרירן אינמיטן ווינטן און נישט געבן קיין סטעים (דער עלטערער דור וועט אוודאי געדענקען די כסדר׳דיגע סכסוכים מיט די לענלארד׳ס איבער געבן סטים אין די ווינטער חדשים...).

דער זיידע האט פארשטאנען אז דער איד אין זיין ווייטאג איז עלול צו איבערדרייען דאס ביהמ״ד און מבזה זיין דעם בעה״ב וועלכער איז געווען א ת״ח, און ער האט אים געזאגט ״דיינע טענות קעגן אים וועט מען נישט געדענקען קיין לאנגע צייט, אבער אז דו האסט יענעם ת״ח מבזה געווען ברבים וועט מען געדענקען אויף אייביג״, האט ער אים פרובירט צו בארוהיגן ווי ווייט מעגליך, און ער האט אים געבעטן נישט צו שרייען נאר ער זאל זיך ליבערשט זוכן א צווייטע דירה, ער האט גערעדט צו אים דברים של טעם ביז דער איד האט זיך בארוהיגט און נישט געמאכט קיין איבערקערענישן אין ביהמ״ד.

ווי נאר דער איד איז אהיימגעגאנגען פון ביהמ״ד, אויף היוז סט. דריי הייזער נעבן סיגעטער ביהמ״ד איז געזעסן אינדערויסן אן ערלית, דער איד שטעלט זיך אפ אן וויסן פארוואס, און גיט א פרעג די ערלית ״איר ווילט אפשר פארקויפן דאס הויז?״, און צו זיין וואונדער זאגט זי ״יא, איך זוך א קונה״. ער איז באלד אריין קוקן דאס הויז און עס איז אים געפאלן, און ביז א קורצע צייט האט ער דאס אפגעקויפט פאר א גאר צוגענגליכן פרייז, און דער איד האט געהאט אן אייגענע שיינע רחבות׳דיגע דירה נעבן סיגעטער ביהמ״ד.

כל ימיו האט ער געהאט א הכרת הטוב פארן זיידן, וואס א דאנק דעם וואס ער האט אים צוריק געהאלטן פון מבייש זיין א איד ברבים, האט ער זוכה געווען צו טרעפן אזא הערליכע דירה.

אגב, עס איז געווען ביי א אנדערע געלעגענהייט ווען א איד האט זיך אויסגערעדט פארן זיידן אז זיין לענדלארד איז אוועקגעפארן אויף שבת, און אים איבערגעלאזט אן קיין סטים אינמיטן קאלטן ווינטער. דער זיידע האט אים נישט געקענט העלפן, אבער א גוט ווארט האט ער אלס געהאט אויפן מויל, האט ער געזאגט פאר דעם איד ״מסתמא דיין לענדלארד טראכט אז דער אייבערשטער באצאלט יעדן מדה כנגד מדה, מסתמא אז ער האט קאלט געמאכט פאר א איד, וועט מען אים קאלט מאכן דאס גהנם אויך״... דאס ווערטל איז גענוג געווען צו מאכן שמייכלען דעם צובראכענעם איד. (די יארצייט פונעם זיידן רבי גדלי׳ ע״ה ב״ר שמחה ישראל איז ד׳ אדר) (גדלי׳ בערגער, גדלי׳ ביקעל, גדלי׳ ניימאן, גדלי׳ שווארץ, גדלי׳ אפפעל, שמחה ישראל ברז״ל אפפעל, שמחה ישראל בר״ג אפפעל, משה אפפעל)

---

ג׳ תרכח) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ג ר׳ איתמר טובי׳ קויפמאן שליט״א ר״מ בישיבה״ק

### וכולהו אליבא דרבי עקיבא

**רבינו הק׳ בעל ברך משה** זצוק״ל דרכו בקודש איז געווען צו זאגן א ווערטל, ספעציעל ווען ער האט געקענט איינעם מחזק זיין מיט דעם, און אסאך מאל האט מען געזען אז עס איז אויך געלעגן דערין א מליצה ישרה און א תפלה פאר השי״ת לטובת דעם איד.

איינמאל איז געווען אן ׳אפשערן׳ פון איינעם פון די אייניקלעך פון **כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**, דער רבי איז דאן געווען אין קרית יואל, האט מען געהאט די זכי׳ אז דער רבי איז אריבער געקומען אין תלמוד תורה לכבוד די שמחה, אלע קינדער זענען געווען אנגעטון אין בגדי שבת, ארום געזעצט ביי די טישן און דעם גרויסן עס זאל ׳בית מרדכי׳ (וואס איז היינט ׳אולם עקשטיין׳), אויבן אן איז געזעצן **המלמד החשוב רבי עקיבא צבי גאנץ שליט״א**, דערנעבן להבחל״ח דער **רבי זצוק״ל** און להבלח״ט **כ״ק אדמו״ר שליט״א** און די אנדערע בני משפחה.

נאכן ענדיגן לערנען די א׳ ב׳ האט דער רבי געזאגט תורה פאר די קינדער, און אנגעוואונטשן ווארעמע ברכות כדרכו בקודש, ווען דער רבי איז ארויס געגאנגען איז געווארן א געוואלדיגע שטופעניש, יעדער האט געוואלט האבן די זכי׳ צו געבן די האנט פאר רבי׳ן.

צווישן דעם ציבור האט זיך אויך רבי עקיבא׳לע שליט״א געוואלט צו שטופן, אבער מ׳האט זיך אזוי געשטופט אז ער האט דאס נישט געקענט באווייזן. ביז ווען דער רבי האט אים דערזען פונדערווייטנס ווי ער שטופט זיך, רופט זיך אן דער רבי הויך אויפן קול, בשעת ווען ער ווייזט אזוי מיט די הענט ארום און ארום דעם קאפ פון אלע מלמדים **״וכולהו אליבא דרבי עקיבא״** מיינענדיג דעם מאמר חז״ל (סנהדרין פ״ו.) דאמר רבי יוחנן סתם מתניתין רבי מאיר, סתם תוספתא רבי נחמי׳, סתם ספרא רבי יהודה, סתם ספרי רבי שמעון, וכולהו אליבא דרבי עקיבא שהיו תלמידיו, אז רבי עקיבא איז געווען דער הייליגער תנא, וואס נאר א דאנק אים האבן מיר די גאנץ ש״ס, ווייל אלע קוועלער פון די חז״ל איז אלעס געבויעט אזוי ווי רבי עקיבא האט געלערנט מיט זיינע גרויסע תלמידים.

אזוי ווי דער רבי האט דאס ארויס געזאגט האט אים דער רבי אויסגעשטרעקט די הענט, און עס איזה תיכף געווארן פלאץ ווי ער איז צוגעקומען נאנט און דער רבי האט אים זייער ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

מיט דעם מאמר חז״ל האט דער רבי באקרוינט אונזער חשוב׳ן מלמד רבי עקיבא צבי שליט״א ווייזנדיג מיט די האנט, אז אלע קינדער תלמידי הת״ת, און אזוי אויך גאר אסאך פון די היינטיגע מלמדים און מרביצי תורה, אלע זענען זיינע תלמידים וואס ער האט זיי אריין געברענגט צו די הייליגע א׳ ב׳. ער איז געווען דער ערשטער ׳רבם שלמדם תורה׳.

די תפלה פון אלע תלמידים איז אז דער באשעפער זאל אים בענטשן מיט אריכות ימים ושנים און נאך לאנגע געזונטע יארן לערנען תורה מיט די הייליגע תינוקות של בית רבן, מיט בריאות השלימות און א שיבה טובה אמן. (הערשל קויפמאן, יואל קויפמאן, הערשל ברננ״מ קויפמאן, ליפא ב״ר פישל קויפמאן).